בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת קֹרַח

תשפ"ד

352

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


דִי פַּחַד אִיז דָא זֵייעֶר גְרוֹיס, זָאלְן מִיר זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן?........................א
וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין וַוייבְ׳ס אָפֶּענֶע אֵייפַּאד?................................ג
וָואס אִיז דִי שִׁיעוּר פוּן כִּיבּוּד הוֹרִים, וִוי שְׁוֶוער דַארְף עֶס זַיין?...................ד


## אִישׁ אֱמוּנוֹת


רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ................................א
אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם ................................א
וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ................................ב
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת................................................ב
זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, וֶועט אִיר וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..............ב
פִּיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ................................................................ב
לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ..........................ג
זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, וֶועט אִיר וֶוערְן אַ צַדֶיקֶת..........................ג
אַז מֶען לֶערְנְט נַ״ךְ וֶוערְט מֶען פוּל מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה............................ג
לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ..................................ג
נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן מַאכְן הַכְנָסַת אוֹרְחִים..........................ד
לוֹינְט זִיךְ צוּ וֶוערְן אַ זִינְגֶער אוֹיף שִׂמְחוֹת?.......................................ד
קוּם נִישְׁט אוֹיף אַמֶעריקֶע נָאךְ גֶעלְט ..............................................ה
אַז מֶען קוּקְט מָאוּוִיס וֶוערְט מֶען אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ ....................................ו

זִיךְ נִישְׁט מַאכְן קַיין אֵייגֶענֶע הֲלָכוֹת.............................ז
מֶען פַאְרדִינְט גָארְנִישְׁט אִין דִי שָׁעוֹת וָואס מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ.........ח
אַבִּיסְל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶפֶענֶען דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת .......ח
מִיטְן הֶעלְפְן אִין בַּאזַאר, הֶעלְפְט אִיר דִי קְהִלָּה.................................ט
נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַוֶועקְצוּפָארְן פוּן שְׁטוּבּ יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי ..............ט
אִיךְ עֶנְדִיג בּוֹיעֶן אַ הוֹיז, אוּן אִיךְ הוֹיבּ שׁוֹין אָן בּוֹיעֶן אַ נַייעֶ.....................י
אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אוּן גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה........י
דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף צֶעבְּרָאכֶענֶע צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמוֹת...יא
עֶס הָאט אַ מַעֲלָה צוּ וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט..................................יב
וֶוער בַּאקוּמְט מֶער קָאמְפְּלִימֶענְטְן?......................................יד
עֶסְן שַׁבָּת מַצָּה מִיט טוּנַא, וִוי אֵיידֶער עֶסְן אִין פְרֶעמְדֶע שְׁטִיבֶּער ............ טו
עֶס פַּאסְט צוּ רֶעדְן צוּ יוּנְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ................................ טז
אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט, צֶעשְׁנִיטְן, אוּן עֶס שַׁיינְט...................................יז
אַ צַדִיק וִויל נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן אוּן אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן...................יט
וֶוער קֶען פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא ...............................כ
שְׁוֶועריְקֵייטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפָּארְט אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן ............כב
שִׁיסְן פַּיילְן, אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל ...........................................כב
עֶס לוֹינְט זִיךְ מְגוּלְגָל צוּ וֶוערְן, צוּ מַאכְן הֲפָצָה..........................כד
דִי קְהִילָה וַואקְסְט, דַארְף מֶען עֶס אַוֶועק שְׁטֶעלְן רִיכְטִיג......................כה
אֵיין טָאג וֶועסְטוּ נָאךְ וֵויינֶען אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעלַאכְט...................כו
דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה אִיז הֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן........................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דִי פַּחַד אִיז דָא זֵייעֶר גְרוֹיס, זָאלְן מִיר זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער מַצָּב מִלְחָמָה דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז יֶעצְט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אִיךְ בֶּעט אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אוֹיךְ נִישְׁט זַיין קַיין שְׁרֶעק. אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, אוּן וֶוען עֶס פְּלַאצְט בָּאמְבֶּעס, עֶס בְּרֶעכְן אוֹיס גְרוֹיסֶע פֵייעֶרְס, עֶס פְלִיעֶן מִילִיטֶערִישֶׁע עֶרָאפְּלַאנֶען, סְפֶּעצִיעֶל אוֹם עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אוּן אוֹם יוֹם טוֹב, אוּן אִין נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע צַייטְן - פִּיל אִיךְ זִיךְ וִוי אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ; מַיין גֶעדוּלְד אוּן שִׂמְחָה אִיז הִיבְּשׁ שְׁוַואכֶער, אִיךְ עֶס ווֵיינִיגֶער, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין אַפֶּעטִיט, אִיךְ וִויל זַאכְן ווֵיינִיגֶער, אוּן אִיךְ הָאב אַ לַחַץ פוּן וָואס עֶס קֶען ווַייטֶער פַּאסִירְן.

דִי נִסִּים אִיז אֵין לְשַׁעֵר, אָבֶּער פֶּסַח זֶענֶען גֶעפַאלְן אַסַאךְ בָּאמְבֶּעס; דִי טֶעג אַרוּם לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן שָׁבוּעוֹת צוּפְרִי - הָאט גֶעפִיפְן עֶטְלִיכֶע סֵיירֶענֶען, אוּן אַסַאךְ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בָּאמְבֶּעס. מַיין קְלֵיינֶער אִינְגְל קוּקְט מִיךְ אָן אוּן וֵויינְט, מַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער אִיז נִישְׁט רוּאִיג. אִסְרוּ חַג הָאט גֶעפִיפְן זִיבְּן מָאל אִין אֵיין שָׁעָה, מִיט שְׁטַארְקֶע בָּאמְבֶּעס; אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִין שְׁטָאט.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וִוי אַמָאל, בִּפְרַט נָאךְ לִיכְט צִינְדְן אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, וָואס דֶעמָאלְט וֶוער אִיךְ זֵייעֶר נֶערְוֶועז.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה, מִיט נֶעגְל וַואסֶער, מִיט אֲנִי מַאֲמִין אוּן מִיט תְּהִלִּים, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין אַז אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי זִיךְ אַוֶועקְצוּצִיעֶן

צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, מֶען רֶעדְט אַז דִי מִלְחָמָה וֶועט זִיךְ צִיעֶן פַאר דְרֵיי יָאר רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען חִיזוּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. טוּט דִי עֵצָה וָואס דִי פֵייגְל הָאט גֶעטוּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, וואוּ זִי אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען - אִיז מֶען אִיר נָאכְגֶעלָאפְן, זִי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע סָארְט פְּלֶעצֶער, אָבֶּער אִיבֶּערָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פַאנְגֶערְס אִיר טְשֶׁעפֶּען, אִיז דִי פֵייגְל אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, וַוייל דָארְט וֶועט קֵיינֶער זִיךְ נִישְׁט טְרוֹיעֶן צוּ קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף מִיר'.

נֶעמְט דֶעם תְּהִלִּים אוּן זִינְגְט דִי לִידֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, וִוי עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ (תְּהִלִּים סא, ה): "אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה" אִיךְ טוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דַיינֶע פְלִיגְלֶען; דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן אַלֶע גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, מֶען הָאט גֶעשָׁאסְן אוֹיף אִים אַלֶע סָארְט בָּאמְבֶּעס, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם יח, ג): "ה׳ סַלְעִי" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין פֶּעלְז, "וּמְצוּדָתִי" אוּן מַיין פֶעסְטוּנְג, "וּמְפַלְטִי" אוּן מַיין רֶעטֶער, "אֵלִי" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "צוּרִי" אִיז מַיין פֶּעלְז, "אֶחֱסֶה בּוֹ" אִיךְ טוּ זִיךְ בַּיי אִים בַּאשִׁיצְן, "מָגִנִּי" מַיין פַּאנְצֶער, "וְקֶרֶן יִשְׁעִי, מִשְׂגַּבִּי" אוּן מַיין שְׁטַארְקֶער בַּאשִׁיצֶער.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶס זָאל שְׁפִּילְן הוֹיךְ פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים אִין שְׁטוּבּ, בְּעִיקָר נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דָאס וֶועט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער רוּאִיג. אַזוֹי וִוי דִי קוֹלוֹת

**פוּן דִי עֶרֶעפְּלַאנֶען און בָּאמְבֶּעס - דֶערְשְׁרֶעקְן, אַזוֹי אִיז פַּארְקֶערְט, פְּרֵיילִיכֶע לִידֶער פוּן אֱמוּנָה - בַּארוּאִיגְן; עֶס גֶעבְּט כֹּחַ און נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין וַוייבְּ׳ס אָפֶענֶע אֵייפַּאד?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט און גֶעבְּט אָן אוֹיפְהֶער שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס. גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִין זְכוּת פוּן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ פִילְטֶערְס און גְדָרִים אוֹיף מַיינֶע דֶעוַוייסֶעס, אִיךְ פָאלְג דִי עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א און מִיט דִי כֹּחַ פוּן מִשְׁנָיוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעריסְן פוּן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע ווִידִיאוֹס און מָאוִויס.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, מַיין וַוייבּ הָאט אַן אֵייפַּאד, וָואס אִיז בְּעֶצֶם אַן אוּמְשוּלְדִיגֶע דֶעוַוייס, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אָפְן און מֶען קֶען עֶס קָאנֶעקְטְן צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ הָאבּ נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ זָאגְן, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אָבֶּער שׁוֹין אִין דִי עָבַר אַרָאפְּגֶעפַאלְן מִיט דִי אֵייפַּאד, אִין יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ בִּין אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים, לְמָשָׁל וֶוען אִיךְ בֶּעבִּיסִיט, וֵוייס אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיךְ רַאטֶעוֶוען און מִיר הֶעלְפְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּב, אָבֶּער אִיךְ פִיל ווִי אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

רֶעד צוּ דַיין וַוייבּ קְלָארֶע רֵייד, זָאג אִיר אַז דָאס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר דִיר אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי זַאךְ; אָדֶער זָאל זִי דָאס אַוֶועק וַוארְפְן, אוּן אוֹיבּ זִי הַאלְט נָאכְנִישְׁט דָארְט - זָאל זִי אַרוֹיפְלֵייגְן אַ שְׁלָאס מֶען זָאל דָאס נִישְׁט קֶענֶען עֶפֶענֶען.

מֶען דַארְף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ זַאכְן פוּנֶעם עָבָר, זַאכְן וָואס מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ׳; אָבֶער הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם מַאשִׁין אִין שְׁטוּבּ וואוּ מֶען קֶען זֶען עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים - דָאס טָאר נִישְׁט זַיין, אוּן אַז מֶען זָאגְט דִי וַוייבּ אַז דָאס אִיז אַ סַכָּנָה - וֶוערְט מֶען נִישְׁט מְזֻלְזָל אִין אִירֶע אוֹיגְן, אַדְרַבָּה מֶען וֶוערְט נָאר מֶער חָשׁוּבְ׳עֶר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף תּוֹרָה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין שְׁטוּבּ - מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל - זָאל מֶען דוּרְכְרֶעדְן מִיט דַעַת תּוֹרָה, מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב. רֶעד שֵׁיינֶע רֵייד צוּ דַיין וַוייבּ בְּאוֹפֶן כְּלָלִי וֶועגְן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן יֶעדֶע זַאךְ מִיט דַעַת תּוֹרָה, אוּן אַז אַלֶע עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים זָאגְן פֶּה אֶחָד ׳אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאוֹן וָואס קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין צוּ דִי טוּמְאָה׳; דַארְף מֶען פָאלְגְן, אוּן אַז מֶען פָאלְגְט - אִיז מֶען נָאר מַרְוִיחַ.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט פַאר דִיר, בֶּעט פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה אוּן זִיךְ פִירְן מִיט קְדוּשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס אִיז דִי שִׁיעוּר פוּן כִּיבּוּד הוֹרִים, ווִי שְׁוֶוער דַארְף עֶס זַיין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אִין כִּיבּוּד הוֹרִים. מַיינֶע עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, אָבֶער לֶעצְטְנְס הָאט מַיין טַאטֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער זִיךְ צוּ מִישְׁן, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר.

צום בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס מִיט מַיין מאן עֶרְגֶעץ, און אִינְמִיטְן רוּפְט מִיר מַיין טַאטֶע פְרֶעגְן וואוּ מִיר זֶענֶען, און עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן. און דִי זֶעלְבֶּע פַּאסִירְט אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶר פְרֶעגְט פְּרִיוַואטֶע שְׁאֵלוֹת וָואס מִיר ווִילְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. אוֹיב הוֹיבְּט מֶען נִישְׁט אוֹיף גְלַייךְ דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶועט עֶר רוּפְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען הוֹיבְּט אוֹיף. עֶר קֶען רוּפְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט פַּאר טוֹבוֹת. כָאטְשׁ וָואס עֶר טוּט עֶס נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט, עֶר מֵיינְט נָאר גוּטְס, אִיז עֶס אָבֶער אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט.

אַסַאךְ מָאל בֶּעט עֶר פוּן מַיין מַאן אַסַאךְ טוֹבוֹת, אִים צוּ אַיינְקוֹיפְן, בְּרֶענְגֶען און טְרָאגְן זַאכְן, און פִּינְקְט אִין אַ צַייט וָואס עֶר אִיז גָאר שְׁטַארְק פַּארְנוּמֶען, אָבֶער מַיין טַאטֶע קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מִיר שְׁפִּירְן נִישְׁט פַאר אַ זְכוּת אִים צוּ הֶעלְפְן מֶער, און זַיין פַּארְנוּמֶען נָאר מִיט אִים דִי גַאנְצֶע צַייט.

דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מַכִּיר טוֹב פַאר דִי פִילֶע טוֹבוֹת וָואס מִיר טוּעֶן פַאר אִים, אִיבֶּער דִי כּחוֹת. מִיר הֶעלְפְן אִים גָאר אַסַאךְ אִין גָאר אַסַאךְ וֶועגְן, אָבֶער עֶר שֶׁעצְט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט. מַיין מַאן אִיז אַ גוּטֶער און עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער מִיךְ נֶעמְט עֶס אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים.

וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז אִיךְ דַארְף אָפְּזָאגְן מַיין טַאטֶע, שְׁפִּיר אִיךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אִיךְ וֵוייס ווִי הַארְבּ כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז, אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה. אָבֶער ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ טוּן פַאר כִּיבּוּד הוֹרִים? כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַ שְׁוֶוערֶע מִצְוָה, עֶס קוּמְט נִישְׁט צוּ זַיין גְרִינְג, אָבֶער ווִי שְׁוֶוער דַארְף עֶס זַיין? בִּיז וואוּ אִיז דֶער גְבוּל? אִיךְ ווִיל נָאךְ בְּלַייבְּן מִיט אַ גוּטֶע טַעַם אִין מוֹיל פוּן דִי מִצְוָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**כִּיבּוּד אָב וָאֵם הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶענִיץ, ווִיפִיל מֶען טוּט דִי מִצְוָה - דַארְף מֶען נָאךְ און נָאךְ טוּן; כִּיבּוּד אָב וָאֵם הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן** (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה, ג.) **מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה פוּן דֶעם**

הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייט פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה, "רֹאשׁ פְּטַרְבּוּלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גֶענֶעֲרַאלְן אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלּוֹ", פַּאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוֹרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן דִי שִׁיךְ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי שִׁיךְ אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַּאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם הָאט זֵיי רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נִישְׁטָא קַיין שִׁיעוּר, מֶען אִיז מְחוּיָּב מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער".

אַ פְרוֹי נָאךְ אִיר חֲתֻנָּה אִיז נִישְׁט מְחוּיָּב מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמ, סְעִיף יז): "הָאִשָּׁה אֵין בְּיָדָהּ לַעֲשׂוֹת" אַ פְרוֹי הָאט נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, "שֶׁהִיא מְשֻׁעְבֶּדֶת לְבַעֲלָהּ" וַוייל זִי דַארְף אַלֶעס טוּן פַאר אִיר מַאן, "לְפִיכָךְ הִיא פְּטוּרָה מִכִּבּוּד אָב וָאֵם בְּעוֹדָהּ נְשׂוּאָה", דֶערִיבֶּער אִיז זִי פָּטוּר, וַוייל זִי אִיז מְחוּיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין אִיר מַאן. אָבֶּער עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (שַׁ"ךְ, סְעִיף קָטָן יט): "אִם אֵין בַּעְלָהּ מַקְפִּיד, חַיֶּבֶת בְּכָל דָּבָר שֶׁאֶפְשָׁר כְּמוֹ הָאִישׁ", אוֹיבּ אִיר מַאן אִיז נִישְׁט קֶעגְן דָאס וָואס זִי אִיז אִיז מְכַבֵּד אִיר טַאטֶע - אִיז זִי מְחוּיָּב מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע פִּינְקְט אַזוֹי וִוי אַ מַאן אִיז מְחוּיָּב זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין, אוּן וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אִיז אַייעֶר מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד, אַדְּרַבָּא, עֶר אַלֵיין אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְט אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן דָאס וֶועט גֶערֶעכְנְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶּ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

**זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים - וֶועט אִיר וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת.**

**פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

...

**אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מַתָּנָה לְכָבוֹד הַבַּר מִצְוָה**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט)**, מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.**

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

...

**וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, וֶועט אִיר וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים - וֶועט אִיר וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן נַחַת רוּחַ.

...

**לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אָן עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, וֶועט אִיר וֶוערְן אַ צַדֶיקֶת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים - וֶועט אִיר וֶוערְן אַ צַדֶיקֶת.

אוֹיךְ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַז מֶען לֶערְנְט נַ״ךְ וֶוערְט מֶען פוּל מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט נַ״ךְ אִיז זַיין מוּסָר סֵפֶר, אַז מֶען לֶערְנְט נַ״ךְ וֶוערְט מֶען פוּל מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

...

**לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן מַאכְן הַכְנָסַת אוֹרְחִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ מַאכְסְט הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אִיךְ הָאף מֶען וֶועט זִיךְ פוּן דִיר אָפְּלֶערְנֶען, נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן מַאכְן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וַוייל אַזוֹיפִיל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט זֵיי הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיט הַאלְטְן שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל, זַיין מִיט אוּנְזֶער קִיבּוּץ, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הַכְנָסַת אוֹרְחִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען דִירוֹת פַּאר זֵייעֶר טֵייעֶר גֶעלְט, עַד כְּדֵי כַּךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בֶּעטְן מִיר אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זָאל אִיךְ פַארְבְּלַייבְּן אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, וַוייל אִין שְׁטָאט אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז גְרִינְג צוּ טְרֶעפְן וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין, זֵייעֶר אַסאךְ הָאבְּן דִירוֹת פַּאר דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים וֶועט דִיר בַּאשְׁטֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאל דִיךְ נָאכְמַאכְן, זוּכְן צוּ טוּן מִצְוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לוֹינְט זִיךְ צוּ וֶוערְן אַ זִינְגֶער אוֹיף שִׂמְחוֹת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט, הֱיוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ שֵׁיינֶעם קוֹל, דוּ זִינְגְסְט שֵׁיין; אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ זִינְגֶער אוּן דָאס זָאל זַיין דַיין פַּרְנָסָה.

דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה; פוּן אֵיין זַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה הַיינְטִיגֶע טֶעג צוּ זַיין אַ זִינְגֶער, גֶעבּ אַ קוּק, רוֹב רֻבָּם פוּן דִי זִינְגֶערְס - פַּארְלִירְן זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אוּן וֶוערְן אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט, זֵיי פַּארְלִירְן זֵייעֶר אִידִישֶׁע חֵן, פְּנֵיהֶם מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם, כֵּיוָן שֶׁנִּצְרַךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת, מֶען שְׁטֵייט אוֹיפְן בִּימָה, מֶען ווִיל גֶעפֶעלְן פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, הַשֵּׁם יְרַחֵם, מֶען פַּארְלִירְט אַלֶעס. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז יָא דָא אַ מִיעוּט וָואס הַאלְטְן זִיךְ שְׁטַארְק, זֵיי בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר צֶלֶם אֱלֹקִים, זֵיי רִירְן נִישְׁט אָן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

מַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם פְלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִירֶע זִין זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זִינְגֶען, אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַּארְלִירְן זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם, בְּלַייבּ מִיט דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, קֶענְסְט זִינְגֶען בַּיי אוּנְזֶערֶע מְסִיבּוֹת וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער גֵיין צוּ פְּרִיוַואטֶע פַּארְטִיס - אִיז נִישְׁט כְּדַאי.

שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זִינְג שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל הָאסְטוּ קִינְדֶער, דַאנְק אוּן לוֹיבּ מִיט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קוּם נִישְׁט אוֹיף אַמֶערִיקֶע נָאךְ גֶעלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּם נִישְׁט אוֹיף אַמֶערִיקֶע, נִישְׁטָא אִין אַמֶערִיקֶע גָארְנִישְׁט, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מְשׁוּלָּחִים וָואס קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע נָאךְ גֶעלְט, זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת, עֶס אִיז זֵיי בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת פוּן קוּמֶען אוּן

גֵיין, אָפְּגֶערֶעדְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַוֶועק צוּ פָּארְן אָן דִי וַוייבּ, זִיךְ וַואלְגֶערְן וִוי אַן עֶלְנְדֶער מֶענְטְשׁ; אַז דוּ פְּרֶעגְסְט מִיר, זָאג אִיךְ דִיר קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ: "קוּם נִישְׁט".

אַז דִי חוֹבוֹת דְרוּקְן דִיר - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן זִין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד, אִיךְ וֵוייס אִיךְ בִּין אַלֵיין שׁוּלְדִיג, ווייל אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית מִיט הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה פַאלְט מֶען אַרַיין אִין חוֹבוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן שִׁיק מִיר שֶׁפַע צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה".

אוֹיךְ כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל, עֶס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן טְבֶרְיָה. זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ מִיט דַיינֶע תְּפִלּוֹת, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אוּן דִי בְּרִיוו וואוּ דֶער סֵפֶר עֶפְנְט זִיךְ - דָארְט וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס וֶוערְט מֶען אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַבֵר זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע בָּחוּרִים, נָאר וֶוער עֶס רֶעדְט אֵיידְל. קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס, מָאוִויס רַייסְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס וֶוערְט מֶען אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ. דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר, כִּמְעַט אַלֶע דַארְפְן מֶעדֶעצִין פַארְן נֶפֶשׁ, מֶען זִיצְט אָפּ יָמִים וְשָׁנִים בַּיי מְטַפְּלִים; דָאס קוּמְט פוּן מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן, דָאס צֶעטוּמְלְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הָאבְּן נָאר חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִי כֵּלִים, אוּן וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק אִין יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אוּן אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ נִישְׁט מַאכְן קַיין אֵייגֶענֶע הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיר דַארְפְט דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַזַא מַאן, אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט אִים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק, זִיךְ נִישְׁט מַאכְן קַיין אֵייגֶענֶע הֲלָכוֹת וְכוּ׳, וַוייל עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען נִישְׁט גוּטְס. עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן קפו, סְעִיף א), אַ פְרוֹי טָאר זִיךְ נִישְׁט בּוֹדֵק זַיין סְתָם אַזוֹי - ״כְּדֵי שֶׁלֹּא יְהֵא לִבּוֹ נוֹקְפוֹ״, עֶס קֶען צוּבְרֶענְגֶען צוּ נִישְׁט גוּטְס; אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט אַ הַרְגָּשָׁה אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַ חֲזָקָה אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט - דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט בּוֹדֵק זַיין; אַזוֹי נֶעמֶען אָן אַלֶע פּוֹסְקִים.

אוֹיךְ אִיז כְּדַאי צוּ עֶסְן אִין שְׁטוּבּ דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, דָאס מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. אוֹיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן פוּן צַייט צוּ צַייט גֵייט מֶען צוּ דִי עֶלְטֶערְן. אוֹיךְ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה עֶסְט מֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט שׁוֹין אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז כְּדַאי פַאר דִי קֶשֶׁר צְוִוישְׁן עֶנְק, אוּן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער - צוּ מַאכְן דִי סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּבּ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט אִין דִי שָׁעוֹת וָואס מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט; עֶס אִיז דָא אַ צַייט פַאר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן עֶס אִיז דָא אַ צַייט פַאר אַהֵיים קוּמֶען הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן, לוֹיף מֶער נִישְׁט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), דָאס זֶענֶען דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס מַאכְן פוּן דִיר חוֹזֶק. גֵיי אַהֵיים, שְׁטֶעל אָפּ דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן; וֶועסְט בְּמֵילָא נִישְׁט פַארְדִינֶען גָארְנִישְׁט אִין דִי שָׁעוֹת וָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַבִּיסְל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, וֶועט עֶפֶענֶען דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ גֵיין עֶפֶּעס טוּן צוּ גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער; זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער.

אִיר דַארְפְט נָאר יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן; דָאס וֶועט עֶפֶענֶען דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיטְן הֶעלְפְן אִין בַּאזַאר, הֶעלְפְט אִיר דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְן הֶעלְפְן אִין דִי בַּאזַאר, יֶעדֶעס מָאל אִיר הֶעלְפְט אַרוֹיס דִי בַּאזַאר – הֶעלְפְט אִיר מִיר בּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה; דָאס אִיז אַ זְכוּת פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים מִיט אַ שְׁמֵייכְל; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ תְּהִלִּים מִיט אַ שְׁמֵייכְל; עֶס גֵייט אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ, בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַוֶועקְצוּפָארְן פוּן שְׁטוּבּ יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס.

אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי צוּ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע קֶערֶעסְטִירֶער אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ, בִּפְרַט אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, אוּן בִּפְּרָטֵי פְּרָטִיּוּת וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז אִין דִי צַייט וָואס זִי וַוארְט לְמַזָל טוֹב.

גֵיי אַוֶועק פוּן דִי צֶעלָאזְטֶע וֶועג פוּן פָארְן קַיין קֶערֶעסְטִיר יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי; עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ עֶנְדִיג בּוֹיעֶן אַ הוֹיז, אוּן אִיךְ הוֹיבּ שׁוֹין אָן בּוֹיעֶן אַ נֵייעֶ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ לַאדֶענֶען צוּ דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת וָואס אִיךְ מַאךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אִיךְ עֶנְדִיג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בּוֹיעֶן מַיין נֵייעֶ הוֹיז; אִיךְ בּוֹי זִיךְ נָאךְ אַ הוֹיז אִין גַן עֵדֶן, מַסֶכֶת בָּבָא מְצִיעָא, מִיר גֵייעֶן מְסַיֵים זַיין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מִיטְוָואךְ. עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד צוּ קֶענֶען אַוֶועק לֵייגְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַסַאךְ הַייזֶער, אַסַאךְ בִּנְיָנִים, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אוֹיסְגֵיין פוּן הוּנְגֶער אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

אוֹיךְ וֶועט זַיין דִי הַנָּחַת אֶבֶן הַפִּנָּה פַאר אַ פְרִישֶׁע הוֹיז וָואס אִיךְ ווִיל זִיךְ בּוֹיעֶן, אַ נֵייעֶ מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת בָּבָא בַּתְרָא. אִיךְ ווִיל אַרַיינְגֵיין מִיט דִיר אִין שׁוּתְּפוּת, זָאלְסְט אוֹיךְ הָאבְּן אִין דִי נֵייעֶ דֶעוֶועלָאפְּמֶענְט אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

לַאךְ נִישְׁט, ווַייל פוּן דַיינֶע הַייזֶער וָואס דוּ פְּרוּבִּירְסְט כַאפְּן נָאךְ אֵיינְס אוּן נָאךְ אֵיינְס - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן דֶעם, אָבֶער דִי הַייזֶער פוּן עֶנְדִיגְן נָאךְ אוּן נָאךְ מַסֶכְתּוֹת - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

פְּרָטִים יָבוֹאוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אוּן גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אוּן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים. אִיךְ הָאבּ פָאריגֶע חוֹדֶשׁ גֶעגֶעבְּן פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אוֹיךְ הַיינְט הָאבּ

אִיךְ נָאכְאַמָאל מְנַדֵּב גֶעוֶוען פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיךְ הָאף דָאס וֶועט זַיין פַאר מִיר אַ יְשׁוּעָה.

מֶען זֶעט אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת וֶוען מֶען הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה אוּן מְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שָׁאד צוּ זוּכְן סְגוּלוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְקוֹר אוּן וָואס הֶעלְפְט נִישְׁט – אוּן דָארְט גֶעבְּן דִי גֶעלְט, וֶוען מִיר הָאבְּן אַ קְלָארֶע הַבְטָחָה פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין בְּכֹחַ צוּ גֶעבְּן מָארְגְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ וֶועל דִיר מָארְגְן מוֹדִיעַ זַיין, בֶּעט פַאר מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף צֶעבְּרָאכֶענֶע צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן הֶערְן אַז אִיר בַּאקוּמְט אַ נִישְׁט גוּטֶע גֶעפִיל פוּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים וְכוּ'; יֶעדֶע מָאל נָאךְ אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם שְׁפִּירְט אִיר ווִי אִיר ווִילְט קוֹיפְן אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן, אִיר זֶענְט מְקַנֵּא וְכוּ' וְכוּ'.

עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיר וֶועט אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּר אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִי אֵיידֶער וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע פְרוֹיעֶן וְכוּ'. דִי צִיל פוּן דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִיז – מֶען זָאל וֶוערְן אַ בֶּעסֶערֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ מֶער אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, נִישְׁט מֶען זָאל בַּאקוּמֶען אַ גְלִיסְט אוּן אַ רֵייץ צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אוּן אַז אִיר וֶוערְט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט אוּמְוִוילְנְדִיג מִיט וְכוּ', אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ צוּרִיק גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ כָּשֵׁר'ֶע טֶעלֶעפָאן, אוּן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן עֶקְטֶערְס אוּן

זִינְגֶערְס וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט יִרְאַת שָׁמַיִם - שְׁפִּירְט אִיר נֶעבֶּעכְדִיג אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט מִיט רֶעדְן - זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ דִי צַאמְקוּם, נָאר עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּב.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַייעֶר שְׁטוּב זָאל זַיין גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, נִישְׁט אוֹיף צֶעבְּרָאכֶענֶע צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס הָאט אַ מַעֲלָה צוּ וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אַפָּאר קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דַיינֶע בֵּיינֶער, מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר אוּן דוּ גֶעהֶערְסְט צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. מַיינֶע קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּעט מֶען אוֹיךְ, נִישְׁט אִין חֵדֶר; זֵיי לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער חֵדֶר, אָבֶּער דִי שְׁכֵנִים טְשֶׁעפֶּען זֵיי. וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן גַאס ווּאוּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, אוּן זֵיי זָאגְן מֶען הָאט זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט, זָאג אִיךְ זֵיי שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס הָאט אַ מַעֲלָה צוּ וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, וַוייל דִי קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס שְׁפִּירְט דִי וֵוייטָאג וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט, וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, אָבֶּער עֶנְק וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט עֶנְק, מֶען שְׁפֶּעט פוּן עֶנְקֶער טַאטֶע, עֶס טוּט אַייךְ גוּט וֵויי אוּן עֶס מַאכְט עֶנְק וֵויינֶען - עֶנְק וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן קִינְד, אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ.

... טַייעֶרֶער, הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. אִין שְׁטָאט פְּרֶעמִישְׁלַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ צַדִיק מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרֶעמִישְׁלַאנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אַ שְׁנַיידֶער וָואס פְּלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין און פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה, עֶר הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעקוּמֶען קַיין פְּרֶעמִישְׁלַאן, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֵיידֶער דִי סְעוּדָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שְׁנַיידֶער: "יֶעצְט אֵיינְמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, און אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן, וֶועל אִיךְ מוּזְן צוּשְׁפַּארְן דִי טִיר, און דִיךְ נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט און גֶעזוּכְט אַ וֶועג אַרַיין, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶערְל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשְׁרֵייעֶן מִיט קוֹלוֹת אוֹיף רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אַלֶע מִינֵי בִּזְיוֹנוֹת, און רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט דֶערְפוּן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דִי גֶעשְׁרֵייעֶן וָואס מֶען שְׁרֵייט, הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע דֶערְצֵיילְט: "דָאס אִיז דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט, וָואס פַארְשֶׁעמְט מִיךְ יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין עֶס אֵייבִּיג מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, אָבֶער עֶר הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען".

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען"; וַוייל דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דָאס לַייטֶערְט אִים אוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

טַייעֶרֶער ..., דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֵיינֶעם וֵוייטוּן, אַלְץ זָאלְסְטוּ זַיין פוּן דִי נִרְדָּפִים, פוּן דִי וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט און נִישְׁט פוּן דִי רוֹדְפִים, פוּן דִי וָואס טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צג.): "אֵין לְךָ נִרְדָּף בְּעוֹפוֹת כְּמוֹ תּוֹרִים וּבְנֵי יוֹנָה, לְפִיכָךְ הִכְשִׁירָם הַכָּתוּב לְקָרְבָּן".

פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען טוֹיבֶּעלֶעךְ פַאר אַ קָרְבָּן? וַוייל זֵיי זֶענֶען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פֵייגְלֶעךְ וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי כָּשֵׁר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ זָאגְן זֵיי (וַיִּקְרָא רַבָּה כז, ה) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ג, טו): "וְהָאֱלֹקִים יְבַקֵּשׁ אֶת נִרְדָּף", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט אוֹיף דִי וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט, "אֲפִילוּ צַדִּיק רוֹדֵף רָשָׁע", אֲפִילוּ אַ צַדִּיק טְשֶׁעפֶּעט אַ רָשָׁע וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַארְן רָשָׁע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער בַּאקוּמְט מֶער קָאמְפְּלִימֶענְטְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר טַעֲנָה אִיז, פַארְוָואס גֶעבְּן דִי לֶערֶערִינְס בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל, מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִיר אוּן דִי תַּלְמִידוֹת וָואס מַאכְן נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ - בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיר זֶענְט גֶערֶעכְט, הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, אַייךְ קוּמְט נָאךְ מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מֶער קָאמְפְּלִימֶענְטְן פַארְן זַיין דִי אֵיידְלְסְטֶע מֵיידְל אִין קְלַאס אוּן זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס מֶען זָאל אַייךְ גֶעבְּן נָאךְ מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ וִויל אַייךְ אָבֶּער דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, דִי צַדֶּיקֶת אָדְל. זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אִיר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - מִיט גָאר שֵׁיינֶע טִיטְלֶען, וֶוען זִי הָאט גֶעלֵיינְט דִי בְּרִיוו הָאט זִי גֶעוֵויינְט, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן טַאטְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת דַארְף מֶען אִים אוֹיסְרִימֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, אוּן אַז אִיךְ זֶע אַז מַיין טַאטֶע שְׁרַייבְּט מִיר אַזֶעלְכֶע טִיטְלֶען אִיז אַ סִימָן אַז אִיךְ בִּין

בְּקַטְנוּת הַדַּעַת"; דָאס אִיז אַן עֶנְטְפֶער פַארְוָואס מֶען גֶעבְּט אֵיינֶעם מֶער גוּט וֶוערְטֶער אוּן אֵיינֶעם וֵויינִיגֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן קָאמְפְּלִימֶענְטְן.

שְׁטַארְקְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט אַייעֶר דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן זַייט פוּן דִי תַּלְמִידוֹת וָואס רֶעדְן נִישְׁט וֶוען אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט, אוּן פָאלְגְן אַלֶעס דִי טִיטְשֶׁער - וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אִיר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶסְן שַׁבָּת מַצָּה מִיט טוּנַא, ווִי אֵיידֶער עֶסְן אִין פְרֶעמְדֶע שְׁטִיבֶּער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ יֶעדֶעס מָאל דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר אַ סִיוּם וָואס דוּ מַאכְסְט אוּן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ, עֶס גֶעבְּט מִיר מוּט וַוייטֶער עוֹסֵק צוּ זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים, וַוייטֶער אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - אִין נָאךְ אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ ווִיל דַיין שְׁטוּבּ זָאל בְּלַייבְּן שֵׁיין אוּן הֵיילִיג; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין עֶסְן סְעוּדוֹת מִיט דַיין וַוייבּ בַּיי אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, אוֹיסֶער בַּיי דַיין טַאטֶע אָדֶער דַיין שְׁוֶוער; דָארְט קֶענְסְטוּ גֵיין עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אָבֶּער נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע קָאפְּלְס.

אַז דַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט כֹּחַ צוּ קָאכְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זוּכְן וואוּ צוּ גֵיין, נָאר בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ; בִּבְחִינַת (פְּסָחִים קיב.): "עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל", עֶס מַצָּה מִיט טוּנַא, "וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת", אוּן גֵיי נִישְׁט צוּ אַנְדֶערֶע שְׁטִיבֶּער; עֶס זֶעט דִיר אֶפְשָׁר אוֹיס ווִי נִישְׁט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר, אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען שׁוֹין חָרוּב גֶעוָוארְן אַזוֹי.

מֶען קֶען עֶסְן טוּנַא מִיט קְרֶעקֶערְס, מַאן אוּן וַוייבּ, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דֶער מַאן קוּקְט אוֹיף אִיר אוּן זִי קוּקְט אוֹיף אִים, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ בִּיזְן הִימְל. מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין טְשָׁאלֶענְט מִיט אַ גְלֶעזְל טֵיי; מִיט וַוארֶעמֶע טֵיי אִיז מֶען יוֹצֵא

דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן וַוארֶעמְס שַׁבָּת, וִוי אֵיידֶער גֵיין אִין פְּרֶעמְדֶע שְׁטִיבֶּער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלוּגְסְטֶער פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, א): "טוֹב פַּת חֲרֵבָה", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ עֶסְן אַ טְרוּקְן שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, "וְשַׁלְוָה בָהּ", וֶוען עֶס אִיז דָא דֶערְבֵּיי פְרִידְן, "מִבַּיִת מָלֵא זִבְחֵי רִיב", פוּן אַ הוֹיז וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט פְלֵייש, אָבֶּער עֶס אִיז דָארְט דָא קְרִיגֶערֵייעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּב, גֵיי נִישְׁט מֶער צוּ קֵיינֶעם. אִיךְ עֶקְל זִיךְ אַז בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא דִי נֵייעֶ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זַאךְ אַז יוּנְגֶע קָאפְּלְס גֵייעֶן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב עֶסְן מִיט אַנְדֶערֶע קָאפְּלְס; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי דִי נִישְׁט גוּטֶע מִנְהָג, אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, ווַייל אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין עָתִיד, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. בְּלַייבּ אִין שְׁטוּב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם כא, ט): "טוֹב לָשֶׁבֶת עַל פִּנַּת גָּג", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זִיצְן אוֹיף אַ ווִינְקְל פוּן אַ דַאךְ, "מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים", וִוי צוּ זִיצְן מִיט אַ קְרִיגֶערִישֶׁע פְרוֹי, "וּבֵית חָבֶר", אוּן פוּן אַרַיינְגֵיין אִין חַבֵר'ס הוֹיז צוּ רֶעדְן מִיט יֶענֶעמְ'ס פְרוֹי; קֶען זַיין פְּשַׁט אַז 'וּבֵית חַבֶר' מַאכְט עֶס זָאל וֶוערְן 'אֵשֶׁת מִדְיָנִים'.

אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט דִיר זַיין גָאר שֵׁיין אִין לֶעבְּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס פַּאסְט צוּ רֶעדְן צוּ יוּנְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אַייעֶר לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט אַ גוּט קִינְד, אִיר זֶענְט מְקָרֵב יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס פַּאסְט אַייךְ צוּ רֶעדְן צוּ יוּנְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אִיר שְׁטוּפְּט נִישְׁט אַוֶועק קֵיינֶעם, אִיר זֶענְט וֵוייךְ צוּ אַנְדֶערֶע.

דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ תַּלְמִידָה, אַ תַּלְמִידָה מִיט אַ לֵב בָּשָׂר, מִיט אַ וֵוייךְ הַארְץ צוּ אַנְדֶערֶע.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרע עֶלְטֶערְן, זָאלְן זֵיי שֶׁעפְּן נַחַת פוּן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט, צֶעשְׁנִיטְן, אוּן עֶס שַׁיינְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי מְנוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ח, ד): "וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה", דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, "מִקְשָׁה" אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט, "זָהָב" פוּן גָאלְד, "עַד יְרֵכָהּ" סַיי אִיר פִּיס, "עַד פִּרְחָהּ" סַיי אִיר בְּלוּם, "מִקְשָׁה הִוא" אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט וְגוֹ', רַשִׁ"י זָאגְט, דִי מְנוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטִיקְלֶעךְ, נָאר מֶען הָאט גֶענוּמֶען אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁטִיק גָאלְד אוּן גֶעהַאקְט מִיט אַ הַאמֶער בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַמָאל גֵייט מֶען אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶוערְט צֶעקְלַאפְּט, וִוי 'אֵיינֶער שְׁטֵייט מִיט אַ הַאמֶער אוּן קְלַאפְּט אוֹיף מִיר', מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דִי שְׁטוּב, מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער, אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע קְלַאפְּט אוּן קְלַאפְּט, בִּיז מֶען קְלַאפְּט זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַרָאפּ, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף קְלַאפְּן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט עֶר אַלֵיין אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה, עֶר הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן, אוּן וֶוערְט אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כב:): "וְכִי לְאוֹרָה הוּא

צָרִיךְ" דַארְף מֶען דֶען אָנְצִינְדְן אַ מְנוֹרָה צוּ מַאכְן לִיכְטִיג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? "וַהֲלֹא כָּל אַרְבָּעִים שָׁנָה שֶׁהָלְכוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר לֹא הָלְכוּ אֶלָּא לְאוֹרוֹ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ לִיכְטִיג גֶעמַאכְט אַלֶע יָארְן אִין מִדְבָּר פַאר דִי אִידְן, אִיז וָואס דַארְף מֶען אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה? "אֶלָּא עֵדוּת הוּא לְבָאֵי עוֹלָם שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל" נָאר צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער - "מִקְשָׁה הוּא" אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט, "מַקִּישׁ בַּקּוּרְנָס" מֶען קְלַאפְּט מִיט אַ הַאמֶער, "וְחוֹתֵךְ בְּכַשִּׁיל" אוּן מֶען שְׁנַיידְט מִיט אַ הַאק, "לְפַשֵּׁט אֵבָרֶיהָ" צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גְלִידֶער, אוּן מֶען הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, מֶען אִיז וַוייטֶער גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף אִים רוּט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י - וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי לְוִיִּם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר ח, ו): "קַח אֶת הַלְוִיִּם", זָאגְט רַשִׁ"י: "קָחֵם בִּדְבָרִים", נֶעם זֵיי מִיט שֵׁיינֶע רֵייד, זָאג זֵיי: "אַשְׁרֵיכֶם" ווארויל אִיז עֶנְק, "שֶׁתִּזְכּוּ לִהְיוֹת שַׁמָּשִׁים לִפְנֵי הַמָּקוֹם", עֶנְק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין בַּאדִינֶער פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט נָאר דִי לְוִיִּם, דָאס מֵיינְט מֶען יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אִיד אִיז אַ בַּאדִינֶער פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד אִיז אַ גֶענֶערַאל, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף עֶר ווִיסְן ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ׳, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם, יט), עֶס שְׁטֵייט פִינְף מָאל אִין דִי פַּרְשָׁה דִי וָוארְט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, פַארְוָואס פִינְף מָאל? "לְהוֹדִיעַ חִבָּתָן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז וַוייזְן עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ.

דֶער רַשִׁ"י אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, מֶען דַארְף ווִיסְן ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר זֶעט מַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטַארְקְן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין תַּרְעוֹמוֹת - וֶועל אִיךְ זַיין אַן אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶע מְנוֹרָה פוּן גָאלְד, אוּן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ

וועל יָא הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף צַדִּיקִים, צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט - וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין כָּשֵׁר פַאר דִי מְנוֹרָה', אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אִין פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה (שְׁמוֹת כז, כ): "כָּתִית לַמָּאוֹר, וְלֹא כָּתִית לִמְנָחוֹת", 'אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוּן אִיךְ שַׁיין, נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוּן אִיךְ בִּין דֶעפְּרֶעסְט'.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיק, מֶען קְלַאפְּט אִין אִים אוּן עֶר שַׁיינְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, עֶר וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט', אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, רֶעדְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הַארְצְן אוּן זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ זַיין אַ מְנוֹרָה, שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען וִוי מִיר זֶענֶען, מִיר זֶענֶען וַוייט וַוייט פוּן וִוי מִיר דַארְפְן זַיין, אָבֶּער מִיט דִי כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר וֶוערְן אַ מְנוֹרָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַ צַדִּיק וִויל נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן אוּן אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ צַדִּיק וִויל נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן יֶענֶעמְ'ס לֶעבְן, אַ צַדִּיק וִויל נִישְׁט יֶענֶעם אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ מַאכְן; אַ צַדִּיק וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְן אוּן יֶעדֶער זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר שְׁפִּירְט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייֶערֶע קִינְדֶער, זָאלְן זַיין דָבוּק צוּ צַדִּיקִים אוּן נִישְׁט אָנְקוּקְן דִי תּוֹרָה וִוי מֶען וִויל שְׁלֶעכְט מַאכְן אָדֶער וֵויי טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוער קֶען פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אִין יְשִׁיבָה; אַ שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן זִיךְ לִיבּ - שְׁפִּירְט מֶען מַמָּשׁ ווִי דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - 'וָאֶרְאֶה אֶת ה'', מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט עֶס מִיט דִי אוֹיגְן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַמָּאל פַאר אֵיינֶע פוּן דִי אַפִּיקוֹרְסִים אִין אוּמַאן: "וָאֶרְאֶה אֶת ה', אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; ווַייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בִּיז מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קע): "עַל יְדֵי הַיִּסּוּרִין נִכְנָע גּוּפוֹ", דוּרְךְ יְסוּרִים וָואס מֶען לַייְדְט - וֶוערְט אוּנְטֶערְטֶענִיגְט דִי גוּף, "וּכְשֶׁנִּכְנַעַת הַגּוּף עַל יְדֵי הַצָּרוֹת", אוּן וֶוען דִי גוּף וֶוערְט אוּנְטֶערְטֶענִיגְט - "עַל יְדֵי זֶה מְאִירָה", הוֹיבְּט זִי אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (שְׁלַח, קסח): "אָעָא דְלָא סָלֵק בֵּהּ נוּרָא", אַ קְלָאץ וָואס צִינְדְט זִיךְ נִישְׁט אָן - "מְבַטְשִׁין לֵהּ" צֶעהַאקְט מֶען אִיר, "גּוּפָא דְלָא סָלֵק בֵּהּ נְהוֹרָא דְנִשְׁמְתָא וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ וָואס דִי נְשָׁמָה צִינְדְט זִיךְ נִישְׁט אָן, צֶעקְנַאקְט מֶען אִים, בִּיז דִי נְשָׁמָה הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן. דָאס קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, דִי תּוֹרָה זָאגְט, ווִי אַזוֹי הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי מְנוֹרָה? "מִקְשָׁה זָהָב" (בַּמִּדְבָּר ח, ד), זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'מִקְשָׁה') 'אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט', מֶען הָאט גֶעקְלַאפְּט, גֶעהַאקְט אוּן גֶעשְׁנִיטְן - בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מְנוֹרָה וָואס שַׁיינְט אוּן לַייכְט; אַזוֹי אִיז מִיטְן מֶענְטְשׁ, ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט אָן דִי נְשָׁמָה שַׁיינֶען? דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן דָאךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מַאכְט שַׁיינֶען.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אוּן מֶען ווִיל

פַּארְשְׁטֵיין 'פַּארְוָואס?' זָאל מֶען וויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דַּרְכֵּי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא. אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ צַדִּיקִים דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע שְׁוֶועריְקַייטְן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער, זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן אַ קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, הָאבְּן דִי צַדִּיקִים גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר דִי וֶוערְטֶער: "וֶוער קֶען פַּארְשְׁטֵיין דַּרְכֵּי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא..."

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶער אִיד אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אַ שִׂמְחָה אוּן בַּיים סוֹף אִיז דָאס קִינְד גֶעבּוֹירְן נִישְׁט לֶעבֶּעדִיג. עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו אוּן בֶּעטְן חִיזוּק, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן? אַז דָאס קִינְד אִיז אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִיזוּק - נִישְׁט פַאר אִים אוּן נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁרַייבּ מִיר יֶעצְט דִי בְּרִיוו אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט דִי זַאכְן, אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן אֵיין וָוארְט, וָואס דִי וָוארְט וֶועט דִיר גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת... אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן 'וֶוער קֶען פַּארְשְׁטֵיין דַּרְכֵּי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא...?'"

דִי וֶוערְטֶער גֶעבְּן כֹּחַ, דִי וֶוערְטֶער שְׁטַארְקְט דֶעם גָלוּת אִיד שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר אִין גָלוּת מִיט אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין טָעוּתִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים אוּן מִיר פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַּרְכֵּי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא'.

דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג אִיז דָא בַּיי אוּנְז שְׁרֶעקְלִיכֶע הִיצְן, מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן; נָאר אֵיין זַאךְ קֶען אָפְּקִילְן דִי הִיצְן - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

דִי וָואךְ גֵייעֶן מִיר מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת בָּבָא מְצִיעָא אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן דָאנֶערְשְׁטָאג מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא; זַיי קְלוּג, כַאפּ זִיךְ מִיט, קִיל זִיךְ אָפּ פוּן דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע הִיצְן, דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**שְׁוועריקַייטְן פַארן אֵייבֶּערשְׁטְן, שְׁפָּארְט אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריקַייטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרוּס, אַז אִיר גֵייט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז וִויפִיל מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישְׁקַייט, הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אַ סְקוּל, הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אַ קְהִילָה - אַלְס מֶער שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אַיין עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְן, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען הֶעלְפְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ סְקוּל וואוּ מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, אַ סְקוּל וָואס לֶערְנְט דִי לִימוּדִים פוּן צַדִיק.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד און זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער, בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת פְלֶעג אִיךְ אַלְץ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ נֶעם אָן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן תַּלְמִידִים און מִיט דֶעם זִיךְ שְׁפָּארְן אֵייגֶענֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שִׁיסְן פַּיילְן, אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, און אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶוען סֵפֶר הַתִּקוּנִים דִי זִיבְּן און צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל. מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקַייט און הֵיילִיגְקַייט פוּן תִּקוּנֵי זוֹהַר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח) אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט לִיגְט אִין דֶעם סֵפֶר.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס אִיז מִיר נִתְחַדֵשׁ גֶעוָוארְן בַּיים לֶערְנֶען תִּיקוּנִים. רֶבִּי שִׁמְעוֹן דֶערְצֵיילְט (תִּיקוּן יג, דַף כט:): "חַד בַּר נַשׁ

עוּלֵימָא" עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, "צַדִּיק שְׁמֵיהּ" אַ צַדִּיק, "דַּהֲוָה יְתִיב עַל מַגְדְּלָא" עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוֹיפְן טוּרֶעם, "קַשְׁתָּא בִּידוֹי" מִיט זַיין פַּייל אוּן בּוֹיגְן אִין הַאנְט, "וַהֲוָה זָרִיק חִצִּים" אוּן עֶר הָאט גֶעוָוארְפְן פַּיילְן, "לְגַבֵּי חִוְיָא" אוֹיפְן שְׁלַאנְג, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, "וְדָא אִיהוּ פָּזֵר גָּדוֹל" דֶער פַּייל אוּן בּוֹיגְן מִיטְן פַּייל זֶעעֶן אוֹיס וִוי אַ פָּזֵר גָּדוֹל, "וְחִוְיָא לָא הֲוָה חָשִׁיב לוֹ" אָבֶּער דֶער שְׁלַאנְג הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִי פַּיילְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעבְּט צוּ פַאֲרְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיינֶע פַּיילְן; "וְקַשְׁתָּא" דִי בּוֹיגְן - "אִיהוּ לִישָּׁנָא דְפוּמָא" דָאס אִיז דִי צִינְג, מִיטְן מוֹיל אוּן צִינְג, אַז מֶען נִיצְט דָאס אוֹיף תְּפִלָּה - אִיז דָאס אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן קֶעגְן דִי קְלִיפּוֹת, "אֱגוּזָא דְקַשְׁתָּא" דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פַאל אִינֶעם בּוֹיגְן - "פּוּמָא" דָאס אִיז דִי מוֹיל, "חוּט הַשָּׁנִי" דִי שְׁטְרִיק וָואס מֶען צִיט אוֹיס צוּ שִׁיסְן דִי פַּייל - "דָא שָׂפָה" דָאס אִיז דִי לִיפְּן. "חוּט שֶׁל קֶשֶׁת" מִיט דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן - "דְּבֵיהּ הֲוָה צַדִּיק זָרִיק חִצִּין" הָאט דֶער צַדִּיק גֶעשָׁאסְן אוֹיפְן שְׁלַאנְג, "דְּאִינוּן מְלוּלִין דִּצְלוֹתָא" דִי תְּפִלּוֹת, "לְגַבֵּי חִוְיָא" צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם שְׁלַאנְג. זָאגְט דֶער זוֹהַר אָבֶּער, "וְחִוְיָא לָא הֲוָה חָשִׁיב לוֹן" דֶער שְׁלַאנְג הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִי פַּיילְן, "וְלַאו בְּגִין חֲלִישׁוּ דְצַדִּיק חַ"ו עָלְמִין" נִישְׁט וַוייל אַ צַדִּיק הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם שְׁלַאנְג, "אֶלָּא בְּגִין חֲלִישׁוּ דְּהַהוּא דְזָרִיק לוֹן, דְּאִיהוּ צַדִּיק דִּלְתַתָּא מִנֵּיהּ, כַּד לַאו אִיהוּ שְׁלִים" אֶפְשָׁר לוֹמַר, וַוייל דֶער וָואס הָאט גֶעשָׁאסְן - עֶר בַּיי זִיךְ אַלֵיין הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן זִיךְ, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט חָשׁוּב. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאסְטוּ אִין דִיר נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ), "וּבְגִין דָא לָא חָשִׁיב לוֹן" דֶערִיבֶּער הָאט דֶער שְׁלַאנְג זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְנְט מִיט אִים. רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער הָאט אַ כֹּחַ צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם שְׁלַאנְג, יֶעדֶער קֶען שִׁיסְן פַּיילְן אוֹיפְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

הָעִקָּר אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אוֹיף לְמַעֲשֶׂה; מֶען קֶען נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפּוֹת מִיט עֲנָוָה פְּסוּלָה, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן, מֶען דַארְף וִויסְן אַז

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ כֹּחַ צוּ אוֹיסְלֵייזְן דִי שְׁכִינָה פוּן גָלוּת, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט דִי קֶשֶׁת הַתְּפִלָּה, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּבְחִינַת שִׁיסְן פַּיילְן; אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל, וַוייל דֶער וָואס שְׁלָאגְט זִיךְ מִיטְן שׂוֹנֵא מִיטְן שְׁוֶוערְד - דֶער זֶעט וָואס עֶר טוּט אוֹיף, עֶר שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער פוּנֶעם שׂוֹנֵא, נָאכְדֶעם אִיז דָא דֶער וָואס שִׁיסְט אַרוֹיס פַּיילְן, עֶר זֶעט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט אוֹיף, עֶר שִׁיסְט פַּיילְן אוּן וֵוייסְט אַז דָאס טְרֶעפְט דֶעם שׂוֹנֵא, דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן דַאוֶוענֶען אָן קַיין גֶעפִילְן, אָן זֶען וָואס מֶען טוּט אוֹיף, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס לוֹינְט זִיךְ מְגוּלְגָל צוּ וֶוערְן, צוּ מַאכְן הֲפָצָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ בֶּעסֶער אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ שׁוֹין דִי עֶנְדֶע וָואךְ אַרוֹיסְפָארְן אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי זוּמֶער וָואכְן. דָא אִין שְׁטָאט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ קֶענֶען גֵיין אִין שׁוּל אוּן צוּרִיק קוּמֶען מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן; דִי גַאסְן בְּרֶענֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע נִסְיוֹנוֹת. אוֹיבְן אוֹיף דִי בֶּערְג אִיז גְרִינְגֶער, דִי לוּפְט אִיז רֵיינֶער, מֶען קֶען דָארְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; וָואלְסְטוּ גֶעוְוּיסְט וָואס הֲפָצָה אִיז - וָואלְסְטוּ זִיכֶער עוֹסֵק גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג אִין דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹיפִיל צַעַר אַז אַ טֵייל פוּן זַיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט פוּן אִים אוּן גֵייעֶן נִישְׁט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן וֶוען אֵיינֶער טוּט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער - אִיז דָאס דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגוּל - אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן אוּן זָאגְן אוֹיבְן אִין הִימְל: "עֶקְט מִיט מִיר דָא,

אִיךְ קוּם נִישְׁט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל", וַוייל גִלְגוּל אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע, דָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן - ווִיל אִיךְ נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן"; קוּמְט מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זָאגְט, נָאךְ אֵיין זַאךְ לוֹינְט זִיךְ צוּ מְגוּלְגָל וֶוערְן: "אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט מֶען וֶועט זַיין אַ מֵפִיץ - אִיז כְּדַאי וּכְדַאי נָאכְאַמָאל אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ קֶענֶען מְזַכֶּה זַיין נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי קְהִילָה וַואקְסְט, דַארְף מֶען עֶס אַוֶועק שְׁטֶעלְן רִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר זַיין זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב. דִי פְּלֶענֶער זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן, דִי פְּלֶענֶער זֶענֶען אַז דִי יְשִׁיבָה וֶועט זַיין דוּרְכְן טָאג אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים, דָארְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים. דִי יָאר וֶועט דִי שִׁיעוּרִים בַּיינַאכְט זַיין אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ פַאר דִי בָּחוּרִים, אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן, אוּן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם לֵיל שִׁישִׁי וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר פַאר אִינְגֶעלַייט. אוֹיךְ וֶועט נִישְׁט זַיין יֶעדֶע וָואךְ אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, נָאר גֶעצֵיילְטֶע מָאל. אוֹיךְ וֶועט זַיין דִי בָּאטֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס - נִישְׁט אִין שׁוּל, נָאר בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, נָאר פַאר מֶענֶער.

דִי קְהִילָה וַואקְסְט, דַארְף מֶען עֶס אַוֶועק שְׁטֶעלְן רִיכְטִיג; בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים פַאר בָּחוּרִים, בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים פַאר אִינְגֶעלַייט, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע מַרְוִיחַ זַיין, אוּן אִיךְ בֶּעט מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְמִישְׁן דִי יוֹצְרוֹת וְכוּ'.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס לִכְבוֹד דִי סִיּוּם מַסֶּכֶת בָּבָא מְצִיעָא דוּרְכְן טֶעלֶעפָאן פַאר דִי וָואס לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא אִין יְרוּשָׁלַיִם בַּיי דִי

שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער שׁוּל, אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר מְסַיֵּים גֶעוֶועְן מַסֶּכֶת בָּבָא מְצִיעָא. שׁוֹין דִי דְרִיטֶע מָאל וָואס אִיךְ לֶערְן פָּאר שַׁ"ס כְּסִדְרָן; וִוי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ דֶעם? נָאר דוּרְכְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אִיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ בִּין גֶעוֶועְן אַ קִינְד, אַ בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'וֶועְן וֶועל אִיךְ קֶענֶען נָאכְזָאגְן אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא? וֶוען וֶועל אִיךְ קֶענֶען לֶערְנֶען גְמָרָא?' אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵיין סֵפֶר'ל "אֲשֶׁר בַּנַחַל", אוּן דוּרְכְדֶעם זִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶועְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֶענוּמֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי קְלוּג; זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֵיין טָאג וֶועסְטוּ נָאךְ וֵויינֶען אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעלַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט פַארְבְּרֶענְט פוּן עֲבֵירוֹת, דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶועְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר

זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטֶס; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה - הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הַאלְט דַיין טֶעלֶעפָאן נָאר אִין אָפִיס, בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַהֵיים, אוֹיךְ נִישְׁט אִין קַאר. אוּן אוֹיב עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער מִיךְ צוּ פָאלְגְן - לָאךְ נִישְׁט פוּן מִיר, וַוייל אֵיין טָאג וֶועסְטוּ נָאךְ וֵויינֶען פַּאר דִי יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעלַאכְט. בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, לָאךְ נִישְׁט פוּן מִיר, מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה אִיז הֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז וִויכְטִיג זָאלְסְט אַהֵיים גֵיין שַׁבָּת נָאכְן דַאוֶוענֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין שׁוּל. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן אִין שׁוּל זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן לֵיידִיג אוּן זִיךְ צוּ הֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי צֶעבְרָאכֶענֶע אִינְגֶעלַייט וְכוּ', וִוי זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר, פוּן דִי קְהִילָה, פוּן דִי מוֹסָד וְכוּ' וְכוּ'; בִּפְרַט דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען שַׁארְפֶע קֶעפֶּעלֶעךְ, אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן דִי לֵיצָנוּת וֶועט זֵיי דָאס אָפְּקִילְן פוּן מְקַבֵּל זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְדוּשָׁה.

מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אִיז גְרֶעסֶער אוּן הֵיילִיגֶער וִוי בְּלַייבְּן אִין שׁוּל מַשְׁלִים זַיין דַיינֶע שִׁיעוּרִים; לֶערְנֶען קֶען מֶען אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה אִיז הֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶעלַיר

## דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱמוּנָה

דִי פָּאלִיצֵיי קוּמֶען אַרַיין אוּן שְׁרַייעֶן הוֹיךְ: ״הוֹיבּ אָן רֶעדְן, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט רֶעדְן – הָאבְּן מִיר אַ וֶועג דִיךְ צוּ מַאכְן רֶעדְן!״ דֶער צַדִיק דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים אוּן עֶר הִיט אִים.

דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם, דִי קַאמוּנִיסְטְן, הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן פַארְמַאכְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת, אַלֶע חֲדָרִים אוּן זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רַיַי״ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רַיי״ץ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זַיין נָאמֶען רֶ׳בִּי יוֹ׳סֵף יִ׳צְחָק). מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן אִין תְּפִיסָה, אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶעפַּיינִיגְט, אָבֶּער דֶער צַדִיק מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, מֶען קֶען אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, עֶר וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים.

עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי פָּאלִיצֵיי אוּן זָאגְן פַארְן צַדִיק: ״מִיר הָאבְּן אַ טוֹי (שְׁפִּילְצֵייג) וָואס הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן רֶעדְן״; זֵיי הֵייבְּן אָן לַאכְן, אֵיינֶער צִיט אַרוֹיס אַ רִיזִיגְן בִּיקְס אוּן לֵייגְט עֶס צוּ צוּם שְׁטֶערְן פוּן צַדִיק אוּן זָאגְט אִים: ״אָדֶער גֶעבְּסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער, אַז נִישְׁט – שִׁיס אִיךְ דִיר צוּם טוֹיט״.

דֶער צַדִיק וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִים קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; עֶר לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. עֶר זָאגְט פַאר דִי רוֹצְחִים: ״דֶער



"אַז דוּ הוֹיבְּסְט אָן רֶעדְן אִיז גוּט..."

בִּיקְס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר אֵיינֶעם וָואס גְלֵייבְּט אִין אֵיין וֶועלְט אוּן הָאט אַסַאךְ גָאטְן, אָבֶּער דֶער אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִין צְוֵויי וֶועלְטְן, אוּן וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין גָאט - אִים קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן".

דֶער צַדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה אוּן וַוייטֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטִילֶערְהֵייט יְשִׁיבוֹת אוּן חֲדָרִים אוּנְטֶער דִי רִיקְן פוּן דִי רוּסְן, דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע רוֹצְחִים, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנָה; דֶער וָואס הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, עֶר לֶעבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים אוּן עֶר בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664